# פאציענטן'ס ביל פון רעכטן אין א שפיטאל

**אלס א פאציענט אין א שפיטאל אין ניו יארק סטעיט, האט איר דעם רעכט, אין איינקלאנג מיטן געזעץ, צו:**

(1) פארשטיין און נוצן די רעכטן. אויב פאר סיי וועלכע סיבה פארשטייט איר נישט אדער דארפט הילף, **מוז** דער שפיטאל צושטעלן הילף, אריינגערעכנט א דאלמעטשער.

(2) באקומען באהאנדלונג אן קיין דיסקרימינאציע צוליב ראסע, קאליר, רעליגיע, מין, דזשענדער אידענטיטעט, נאציאנאלע אפשטאם, דיסאביליטי, געשלעכטליכע אריענטאציע, עלטער, אדער קוואל פון באצאלונג.

(3) באקומען באהאנדלונג מיט איינזעעניש און רעספעקט אין א ריינע און פארזיכערטע ענווייערמענט פריי פון אומנויטיגע באגרעניצונגען.

(4) באקומען עמערדזשענסי קעיר אויב איר דארפט דאס.

(5) זיין אינפארמירט פונעם נאמען און פאסטן פונעם דאקטער וואס וועט זיין פאראנטווארטליך פאר אייער באהאנדלונג אינעם שפיטאל.

(6) וויסן די נעמען, פאסטנס און פונקציעס פון סיי וועלכע שפיטאל שטאב וואס איז פארמישט אין אייער באהאנדלונג און אנטזאגן זייער באהאנדלונג, אונטערזוכונג אדער אבזערוואציע.

(7) באצייכענען א קעירגעבער וואס וועט ווערן אריינגענומען אין אייער דיסטשארדזש פלאנירונג און מיטטיילן מיט יענעם נאך-דיסטשארדזש באהאנדלונג אינפארמאציע אדער אנווייזונגען.

(8) באקומען פולשטענדיגע אינפארמאציע איבער אייער דיאגנאז, באהאנדלונג און פראגנאז.

(9) באקומען אלע אינפארמאציע וואס איר דארפט האבן כדי צו געבן אינפארמירטע צושטימונג פאר סיי וועלכע פארגעשלאגענע פראצעדור אדער באהאנדלונג. די אינפארמאציע זאל אריינרעכענען די מעגליכע ריזיקעס און בענעפיטן פונעם פראצעדור אדער באהאנדלונג.

(10) באקומען אלע אינפארמאציע וואס איר דארפט כדי צו געבן אינפארמירטע צושטימונג פאר א באפעל נישט צוריקצוברענגען צום לעבן. איר האט אויך דעם רעכט צו באשטימען א מענטש צו געבן אזא צושטימונג אין אייער נאמען אויב איר זענט צו קראנק דאס צו טון. אויב איר װאלט געוואלט באקומען נאך אינפארמאציע, ביטע בעט א קאפיע פונעם פאמפלעט "Deciding About Health Care — A Guide for Patients and Families" (באשליסן איבער העלט קעיר – א וועגווייזער פאר פאציענטן און פאמיליעס).

(11) אנטזאגן באהאנדלונג און מען זאל אייך זאגן וואספארא ווירקונג דאס קען האבן אויף אייער געזונטהייט.

(12) אנטזאגן פון אנטיילנעמען אין פארשונג. ביים באשליסן אויב איר זאלט אנטיילנעמען אדער נישט, האט איר דעם רעכט צו באקומען א פולע ערקלערונג.

(13) פריוואטקייט בשעת איר זענט אינעם שפיטאל און געהיימקייט פון אלע אינפארמאציע און רעקארדס אנבאלאנגט אייער באהאנדלונג.

(14) אנטיילנעמען אין אלע באשלוסן איבער אייער באהאנדלונג און דיסטשארדזש פונעם שפיטאל. דער שפיטאל מוז אייך צושטעלן א שריפטליכע דיסטשארדזש פלאן און שריפטליכע שילדערונג פון ווי אזוי איר קענט אפעלירן אייער דיסטשארדזש.

(15) איבערקוקן אייער מעדיצינישע רעקארד פריי פון אפצאל און באקומען א קאפיע פון אייער מעדיצינישע רעקארד וואס דער שפיטאל קען אייך רעכענען א מעסיגער פרייז דערפאר. מען קען אייך נישט אנטזאגן פון געבן א קאפיע בלויז וויבאלד איר קענט זיך נישט ערלויבן צו באצאלן דערפאר.

(16) באקומען אן איינצלהייטליכע ביל און ערקלערונג פון אלע רעכענונגען.

(17) זען א ליסטע פונעם שפיטאל'ס סטאנדארט קאסטן פאר זאכן און סערוויסעס און די העלט פלענס אין וועלכע דער שפיטאל נעמט אנטייל.

(18) זיך קעגנשטעלן צו אן אומערווארטעטע ביל דורך די אינדעפענדענטע דיספיוט רעזאלושאן (Independant Dispute Resolution) פראצעדור.

(19) זיך באקלאגן אן קיין שרעק פון נקמה איבער דעם באהאנדלונג און סערוויסעס וואס איר באקומט און אז דער שפיטאל זאל רעאגירן צו אייך, און א שריפטליכע רעאקציע אויב איר פארלאנגט עס. אויב איר זענט נישט צופרידן מיטן שפיטאל'ס רעאקציע, קענט איר זיך באקלאגן צום ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט (New York State Health Department). דער שפיטאל מוז אייך צושטעלן דעם טעלעפאן נומער פונעם סטעיט העלט דעפארטמענט.

(20) באשטעטיגן די פאמיליע מיטגלידער און אנדערע ערוואקסענע וועמען מען וועט געבן פריאריטעט צו באזוכן לויט אייער מעגליכקייט צו באקומען באזוכער.

(21) באקאנט מאכן אייערע ווינטשן אנבאלאנגט גלידער געשאנקען. מענטשן וואס זענען זעכצן יאר אלט אדער עלטער מעגן דאקומענטירן זייער צושטימונג אוועקצוגעבן זייערע גלידער, אויגן און\אדער טישוס, נאך זייער טויט, דורכן זיך איינשרייבן אין די ניו יארק סטעיט דאנעיט לייף רעגיסטרי (Donate Life Registry) אדער דורכן דאקומענטירן זייער אויטאריזאציע פאר גלידער און\אדער טישו שענקונג שריפטליך אויף פארשידענע אופנים (אזוי ווי דורך א העלט קעיר פראקסי, צוואה, דאנאר קארטל, אדער אנדערע אונטערגעשריבענע פאפיר). דער העלט קעיר פראקסי איז אוועילעבל פונעם שפיטאל.

פובליק העלט געזעץ (Public Health Law, PHL) 2803 (1)(g) פאציענטן'ס רעכטן (Patient's Rights), 405.7(c) ,405.7(a)(1) ,10NYCRR, 405.7.

NEW YORK STATE | Department of Health